בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן
געהאט די זכיה צו הערן פונעם
ראש ישיבה שליט"א בעת סעודה
שלישית פרשת בשלח ה'תשפ"א

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | היכל הקודש וויליאמסבורג<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| היכל הקודש קרית יואל<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | היכל הקודש קרית יואל<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| היכל הקודש בארא פארק<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | היכל הקודש מאנסי<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| קול<br>ברסלב<br>**212-444-9191** | חיזוק פאר די<br>אידישע שטוב<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| אימעיל | טעלעפאון מעסידזשינג |
|---|---|
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״ז שְׁבָט שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן, יוֹמָא דְהִילוּלָא קַדִּישָׁא פוּן כ״ק מָרָן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פָארְגֶעלֶערְנְט שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קסה.**

בְּכָל פַּעַם שֶׁהָיָה מְסַפֵּר מֵעֹצֶם הַפְלָגַת מַעֲלָתוֹ וּמַדְרֵגָתוֹ הַגָּבוֹהַּ מְאֹד מְאֹד הָיָה אוֹמֵר בְּכָל פַּעַם אֲבָל מְאֹד יָגַעְתִּי עַל זֶה וְעִקַּר סִפּוּרוֹ בְּפָנֵינוּ דְּבָרִים כָּאֵלּוּ הָיָה בִּשְׁבִיל קִנְאַת סוֹפְרִים כְּדֵי שֶׁנִּהְיֶה מְקַנְּאִים עַצְמֵנוּ בְּמַעֲלָתוֹ הַגְּדוֹלָה כְּדֵי שֶׁגַּם אֲנַחְנוּ נַעֲשֶׂה כְּמוֹתוֹ וְנֵלֵךְ בִּדְרָכָיו לְהִתְיַגֵּעַ וְלִטְרֹחַ וְכוּ וְלַעֲבֹד ה׳ כְּמוֹתוֹ וּפַעַם אַחַת סִפֵּר עִם אֶחָד מֵעִנְיָנִים אֵלּוּ וְהִתְפָּאֵר לְפָנָיו מֵעֹצֶם גְּדֻלַּת מַעֲלָתוֹ וְהַשָּׂגָתוֹ הַגְּבוֹהָה הָעֲצוּמָה וְכוּ, כְּמוֹ שֶׁמִּתְפָּאֵר וּמִתְגָּרֶה עִם חֲבֵרוֹ בִּגְדוֹלוֹת כְּדֵי שֶׁיִּתְקַנֵּא בּוֹ חֲבֵרוֹ וְזֶה הָאִישׁ אָמַר לוֹ: מִי יוּכַל לָבוֹא לָזֶה לִזְכּוֹת לְמַדְרֵגַתְכֶם כִּי יֵשׁ לָכֶם נְשָׁמָה גְּבוֹהָה מְאֹד בְּוַדַּאי?! וְהִקְפִּיד רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מְאֹד עַל זֶה וְאָמַר זֶהוּ הַחִסָּרוֹן שֶׁלָּכֶם, שֶׁנִּדְמֶה לָכֶם שֶׁעִקַּר גְּדֻלַּת וְהַשָּׂגַת הַצַּדִּיקִים הַגְּבוֹהִים הוּא רַק מִצַּד הַנְּשָׁמָה הַגְּבוֹהָה שֶׁיֵּשׁ לָהֶם כִּי בֶּאֱמֶת לֹא כֵן הַדָּבָר רַק כָּל אֶחָד וְאֶחָד יָכוֹל לִזְכּוֹת לָבוֹא לְמַדְרֵגָתִי לִהְיוֹת כָּמוֹנִי מַמָּשׁ כִּי הָעִקָּר תָּלוּי רַק בִּיגִיעוֹת וַעֲבוֹדוֹת בֶּאֱמֶת וְכֵן שָׁמַעְתִּי גַּם כֵּן כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ כַּמָּה פְּעָמִים שֶׁהָעִקָּר תָּלוּי רַק בִּיגִיעוֹת וַעֲבוֹדוֹת וְכוּ.

[אִין אִידִישׁ: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, עֶר פְלֶעגְט זֵיי דֶערְצֵיילְן צוּ וָואס עֶר הָאט אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אִים וֶועלְן נָאכְמַאכְן, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֶועט הֶערְן צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין, וֶועלְן אַלֶע פְּרוּבִּירְן אִים נָאכְצוּמַאכְן. אֵיינְמָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וְכוּ׳, אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעזָאגְט פַּארְן רֶבִּי׳ן: ״אִיר זֶענְט צוּגֶעקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת וַוייל אִיר זֶענְט גֶעבּוֹירְן מִיט גָאר אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת״, הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען דֶערוֹיף אוּן גֶעזָאגְט: ״דָאס אִיז עֶנְקֶער חִסָּרוֹן, דָאס אִיז עֶנְקֶער תֵּירוּץ, אַז אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת צוּלִיב מַיין הוֹיכֶע נְשָׁמָה דֶערְפַאר טוּט אִיר מִיר

נִישְׁט נָאךְ, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען נִישְׁט צוּלִיבּ מַיין נְשָׁמָה וְכוּ׳, נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט דָאס נָאכְטוּן וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם״].

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אָנְגֶעהוֹיבְּן: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שנח): ״מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם (שָׁם): דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ פָאלְגְן וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. מִיר שְׁטֵייעֶן הַיינְט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִינֶעם יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן כ״ק מָרָן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דַארְפְן מִיר נֶעמֶען מוֹהֲרָא״שׁ פַאר אַ בֵּיישְׁפִּיל, זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אִים דָאס אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט נִישְׁט גֶעלֶעבְּט פַאר הוּנְדֶערְטֶער יָארְן צוּרִיק, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אָנְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי׳נְס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס אַ אִיד קֶען צוּקוּמֶען בָּזֶה הָעוֹלָם.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט דֶערְצֵיילְט: וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אִין דִי צֶעהְלִימ׳עֶ יְשִׁיבָה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג. מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וִוי אַלֶע בָּחוּרִים, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים לֶערְנֶען וְכוּ׳. ווִיבַּאלְד זַיין טַאטֶע הָאט גֶעווֹאוֹינְט אִין דִי בְּרָאנְקְס פְלֶעגְט עֶר יֶעדְן טָאג פָארְן מִיט דִי בַּאן פוּן דִי בְּרָאנְקְס קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אַ וֶועג וָואס הָאט דַאן גֶענוּמֶען צְוֵויי שָׁעָה, אוּן דֶערְנָאךְ יֶעדֶע נַאכְט אִיז עֶר צוּרִיק גֶעפָארְן פוּן יְשִׁיבָה אַהֵיים נָאךְ צְוֵויי שָׁעָה. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זִיךְ דַאן פִירְן אַז אֵיידֶער עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן הוֹיז צוּ פָארְן אִין יְשִׁיבָה, הָאט עֶר מִיטְגֶענוּמֶען עֶפֶּעס אַ סֵפֶר פוּן זַיין טַאטֶע׳נְס גְרוֹיסֶער אוֹצַר הַסְפָרִים, אוּן אִין דֶעם הָאט עֶר גֶעקוּקְט אוֹיף דִי לַאנְגֶע וֶועגְן אַהִין אוּן צוּרִיק. צוּמָאל אִיז עֶס גֶעוֶוען אַ מוּסָר סֵפֶר, אוּן

אַסַאךְ מָאל אַ מַעֲשֶׂה בִּיכְל פוּן אַ צַדִּיק.

דִּי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וָואס עֶר הָאט גֶעלֵיינְט אוֹיפְן וֶועג הָאט אִים גָאר שְׁטַארְק מְעוֹרֵר גֶעוֶועזְן צוּ עֲבוֹדַת ה׳, זֶעעֶנְדִיג ווִי שְׁטַארְק דִּי צַדִּיקִים הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי דִּי צַדִּיקִים זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען, ווִי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. נָאךְ אַלְס קִינְד הָאט מוֹהֲרָא״ש גֶעהַאט צְוֵויי שְׁטַארְקֶע קֻשְׁיוֹת וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין. אֵיינְס, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעוֶועלְט פּוּנְקְט דִּי צַדִּיקִים אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן צַדִּיקִים, מִיט וָואס זֶענֶען זֵיי בֶּעסֶער גֶעוֶוען פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַז פּוּנְקְט זֵיי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט פַאר צַדִּיקִים. צְוֵוייטְנְס, אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען דָאס וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלֵיינְט אַז צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעמַאכְט ׳עֲלִיַּת נְשָׁמָה׳, אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵייט אִין הִימְל. אוּן דָאס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ גוּף פוּן פְלֵיישׁ אוּן בְּלוּט, אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל. דִּי קֻשְׁיוֹת הָאבְּן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט, וַוייל עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט דָאס נָאכְמַאכְן אוּן זַיין אַ צַדִּיק אַזוֹי ווִי דִּי אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קוּמְט אָן אַהִין.

אֵיינְמָאל וֶוען מוֹהֲרָא״ש אִיז אַלְט גֶעוֶוען פוּפְצְן אוּן אַ הַאלְבּ יָאר. עֶר הָאט זִיךְ גֶעיָאגְט צוּ כַאפְּן דֶעם בַּאן אוּן עֶר הָאט שְׁנֶעל גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אַ קְלֵיין סֵפֶר מִיטְצוּנֶעמֶען אוֹיפְן וֶועג, עֶר הָאט דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין טַאשׁ, אוּן גֶעלָאפְן כַאפְּן דֶעם בַּאן. אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְקוּקְן דֶערִין, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵפֶר ׳מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ׳. [דֶער סֵפֶר הָאט גֶעמַאכְט ר׳ אַלְטֶער טֶעפְּלִיקֶער זַ״ל, אִינֶעם סֵפֶר אִיז צוּזַאמֶענְגֶענוּמֶען אַלֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן ׳לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן׳ אוּן ׳לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת׳, וֶועלְכֶע רֶעדְן פוּן הִתְחַזְּקוּת, אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ הָאפֶענוּנְג, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי אוֹיפְגֶעבְּן]. מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעלֵיינְט דֶעם סֵפֶר, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעצוֹיגְן זַיין הַארְץ, עֶר הָאט גֶעטְרִינְקֶען מִיט דָארְשְׁט דִּי וֶוערְטֶער פוּנֶעם סֵפֶר, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי דֶער סֵפֶר רֶעדְט צוּ זַיין הַארְץ. עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם סֵפֶר, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַ בְּלֶעטְל נָאךְ אַ

בְּלֶעטְל בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל.

נָאכְן דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר 'מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ', אִיז פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן פַאר מוֹהַרָא"שׁ זַיינֶע צְוַויי קֻשְׁיוֹת וָואס הָאט אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעשְׁטֶערְט וֶוען עֶר פְלֶעגְט לֵיינֶען מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים. דִי עֶרְשְׁטֶע קֻשְׁיָא, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְן דַוְקָא דִי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן זַיין דִי צַדִּיקִים, מִיט וָואס זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר אַז נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִּיקִים, דָאס אִיז אִים פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם שְׁטִיקְל "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" (הִלְכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ג, אוֹת ו) וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶעם סֵפֶר 'מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ'. רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט דָארְט אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת וֶוען זֵיי הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, מֶען הֶערְט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן צַדִּיקִים, אוּן מֶען גֶעבְּט אַ קְרֶעכְץ: "אוֹי, זֵיי זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין דָאךְ אָבֶּער אַזוֹי וַוייט פוּן דֶעם". זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק, דִי צַדִּיקִים זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִּיקִים נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן גֶעהָארֶעוָועט אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז זֵיי גֶעגַאנְגֶען שְׁוֶוער, אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע דוּרְכְפֶעלֶער אִין לֶעבְּן, הָאבְּן זֵיי אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, זֵיי הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעשְׁטַארְקְט, זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע אוּן הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת. אוּן סַיי וֶועלְכֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט טוּן אַזוֹי וִוי זֵיי, וֶועט יֶענֶער אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִּיק. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט דַוְקָא אוֹיסְגֶעקְלִיבְן גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן אַז נָאר זֵיי קֶענֶען וֶוערְן צַדִּיקִים.

אוּן דִי צְוַוייטֶע קֻשְׁיָא וָואס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מוֹהַרָא"שׁ, וִוי אַזוֹי דִי צַדִּיקִים קֶענֶען אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל, אִיז אִים אוֹיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי צַדִּיקִים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם בְּרֶענְגֶען זֵיי אַרָאפּ דֶעם הִימְל דָא אוּנְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט. דוּרְכְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְן זֵיי בַּאהָאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי הִימְל קוּמְט אַרָאפּ צוּ זֵיי.

דֶער סֵפֶר הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ נָאךְ אַ סֵפֶר פוּן רֶבִּי׳ן, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם רֶבִּי׳נְס סְפָרִים אוּן וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אַ זַאךְ, אַ עֵצָה, אַ הַנְהָגָה פוּן רֶבִּי׳ן הָאט עֶר דָאס מְקַיֵּים גֶעוֶוען בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען פְּלַייסִיג אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳נְס ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד׳ בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי פִירְן, מִיר וֶועלְן אָנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּי׳ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, פָאלְגְן דִי אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן וֶועלְן מִיר אוֹיךְ אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן אִיז הִתְבּוֹדְדוּת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כה); אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי צְוֵוייטֶע עֵצָה אִיז לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ׳ן ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד׳ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו); דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע זִיסֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דָאס אִיז אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. דִי דְרִיטֶע עֵצָה אִיז שִׂמְחָה; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס מֶען טוּט, מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, דֶער שַׁבָּת גֵייט שׁוֹין בַּאלְד אַוֶועק, לָאמִיר זִיךְ פְרֵייעֶן ׳בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הִיטְן שַׁבָּת׳, לָאמִיר זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מִיר טוּעֶן, ׳בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעלֵייגְט תְּפִילִין׳, ׳בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב׳.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דִי פָּשׁוּט׳עֶ מִצְוֹת, מֶען זוּכְט עֶפֶּעס הֶעכֶערְס, אָבֶּער דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ ׳אִיךְ הָאבּ גֶעלֵייגְט תְּפִילִין׳, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב׳, מֶער פוּן דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט.

אַלֶע עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן זִיךְ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן

לוֹיפְט עֶר נִישְׁט צוּ קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר אִיז בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זִיךְ אוּן עֶר קֶען קָאנְטְרָאלִירְן זַיין מֹחַ. אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס עֶר זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת.

דָאס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.